DER KLEYNER LANGOYER

Charles Roberts

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11884-2

9780657118846T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

יוגנט-ביבליאָטעק „חבר"

טשארלס ראָבערטס.

דער קליינער לאנגאויער

(די פלעדערמויז)

יידיש מ. חיימסאָן.

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול"
ווילנע
1924

דרוק ש. עפשטיין שטראשון גאס 6.

Der kleiner langojer. M. Chaimson.

קאטאלאג פון „נייע יידישע פאלקסשול“ פארלאג

ווילנע, סטעפאן גאס 24, ח. 29.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באסטאמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך פארן 1-טן לערניאר.
2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. אריטמעטישער רעכנבוך (גאנצע צאלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאלן)

לערנביכער אויף יידיש פון ש. באסטאמסקי און מ. חיימסאן.

6. לעבעדיקע קלאנגען. א. ב.
7. „לעבעדיקע קלאנגען“—כרעסטאמ. פארן 1-טן לערניאר.
8. „לעבעדיקע קלאנגען“—כרעסטאמ. פארן 2-טן לערניאר.
9. „לעבעדיקע קלאנגען“—כרעסטאמ. פארן 3-טן לערניאר.
10. דאס נייע ווארט—כרעסטאמאטיע פאר די עלטערע קלאסן.

ביבליאטעק פאר יינגערע קינדער:

פון ש. באסטאמסקי.

1. יאשקעלע נאר.
2. יודע דער וואסערטרעגער און זיינע מעשיות.
3. מזל.
4. דריי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער צדיק.
6. דער ארים און דער רייכער.
7. פינגל פינגל—לויט גר. גרים.
8. די אמתע כלה „ „ „
9. דריי מעשהלעך אין וואלד.
10. פישערמאן און זון. גר. גר.
11. דער העלדישער שניידערל „
12. הענזל און גרעטכען. „
13. רויט הייטעלע. „
14. א מעשה מיט 7 ציגעלעך.
15. קארוזא—פון דעם לעבנס פון די איטאליענישע קינדער, וואס ארבעטן אין די שאכטעס.

16. גיזעפע האפען—(פון עם לעבן פון די קרילנגו (עבע)
17. דער ליגנער—(א מעשהלע).
18. די גאשעטקע—
19. מעשהלעך פון עזאפ (הנס).
20. „ „ „ „
21. „ „ „ „
22. דער פארשלאפענער (א״ז) — (יידישע פאלקסמעשה).
23. צוויי יתומים—(פאליקאמע הה-לע פאר קלענערע קינדער).
24. לעגענדעס פון אמאל— (אלעקסאנדער מוקדון און די פרויען, דער משפט, דו״ר. דייטשער חכם סאלאמאן). . . .
25. דאס גרויסע הארץ (מ״ש).
26. דאס הינטעלע—(מעשה).
27. דער קייסער און דער נח (—יידישע פאלקסמעשה).
28. פאלקסמעשיות און לעגענדעס פון אלטן פראג
29—31. „דער קינדרס“—3, 2, 1 (זאמלונגען פון רעטענישן, אויסגאבן, שפילן, רעבוסן, וויצן, ווערטלעך, גיכווערטלעך א.א.).
32. ביסתנאי—(פאלקסמעשה).

ביבליאטעק פאר עלטערע קינדער: פון ש. באסטאמסקי

1. פרידטיאף נאנסען. . . . .
2. דייוויד ליווינגסטאן. . . . .
3. הענרי סטענלי . . . .
4. ווי אזוי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע?
5. אין דער נאכט פון בדיקת חמץ.
6. וואלף . . . .
7. ווי אזוי מע מאכט פאפיר?
8. יאהאן גוטענבערג . . . .
9. דזשעמס וואט . . . .
10. ראבערט פולטאן . . . . .
11. דזשארדזש סטעפענסאן . . .
12. י. ל. פרץ — זאמלבוך.
13. נעללע און פאטראש. . .
14. פרילינג קומט—פאנטאזיע. קינדער-פיעסע אין 2 אקטן.
15. די באפרייונג פון די שווארצע קנעכט—(דאס לעבן פון די שווארצע נעגערס און א ריי ביאגראפיעס פון די קעמפער פאר זייער באפרייונג: וואשינגטאן, גאריסאן, ביטשער סטאו, איבראהם לינקאלן, בוקער וואשינגטאן א. אנד. (אילוסטרירט)
16. מרדכי אנטאקאלסקי—ביאגראפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפטאר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק. . .
17. די שוויץ—פון דער סעריע „פעלקער און לענדער“ . .
18. די פאסט אמאל און היינט.
19. דזשארדזש וואשינגטאן און דער קאמף פאר דער אומאפהענגיקייט פון די שטאטן . . . .
20. בענזשאמען פראנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער—פון עמיל זאלא.

מאטעריאלן צום יידישן פאלקלאר

געזאמלט און רעדאקטירט פון ש. באסטאמסקי.

1. יידישע פאלקסרעטענישן—3-טע פארגרעסערטע אויפלאגע מיט אביילאגע פון ש. אנ-סקי'ס רעטענישן.
2. זאמלונג פון יידישע שפריכווערטער פאר שיל און פאמיליע.
3. ביים קוואל 1-טער באנד— יידישע שפריכווערטער, ווערטלעך, רעדנסארטן, פארגלייכענישן, חינטשעניש, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סמנים, סגולות און זאבאבאנעס. . .
4. ביים קוואל 2-טער באנד— יידישע פאלסלידער. . . .

ארויס פון דרוק

(?) גערעפינען זיך:

1. [illegible] (יידיש— מ. חיימסאן) „זומערדיקע ארבעטן אויף נאטורהיסטארישע ... און באטאניק.
2. דאס לעבעדיקע ווארט— כרעסטאמאטיע פון ש. באסטאמסקי און [illegible]

דער קלײנער לאַנגאױער.



דער קלײנער לאַנגאױער האָט אין בין־השמשות, װאָס איז געװען פֿאַרהילט אין אַ רױטלעכן שײן, אַרומגעשװעבט אין דער לופֿט אין גרױסע זיגזאַגן אונטער די געדיכטע בלעטער פֿון די אַראָפּהענגענדיקע צװײַגן. ער האָט געפֿירט אַ געיעג נאָך מוקן און זשאַבעלעך.

דעם גאַנצן העלן זוניקן טאָג האָט ער רואיק געשלאָפֿן, הענגענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ און האַלטנדיק זיך מיט די פֿיסלעך אָן ברעג פֿון אַן אָפּגעשטאַנען ברעט אונטערן דאַך פֿון אַן אַלטן שײַער אױף דער לאָנקע. דאָ, לעבן אים, זײַנען געשלאָפֿן נאָך פֿלעדערמײַז, װאָס האָבן זיך אײַנגעטשעפּעט מיט זײערע שאַרפֿע אױסגעבױגענע קרעלן אָן ברעט און פּונקט װי ער זיך אײַנגעװיקלט אין די זײדיקע טונקעלע פֿאַלבן פֿון זײערע הויטיקע פֿליגלען. אָט דאָס אָרט — אונטערן דאַך פֿונם שײַער, װאו ס'האָט געהערשט אַ שטענדיקער חושך, איז געװען דאָס באַליבטסטע שלאָפֿצימער פֿון די פֿלעדערמײַז.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך אַ פֿלעדערמױז, דערפֿילנדיק, אַז איר שכנה

האָט זיך צופֿיל אָנגעלייגט אויף איר, אויפֿכאַפּן און אָפּשטופּן זי מיטן עלנבויגן פֿון איר פֿליגל, דערבײַ פֿלעגט זי אויסדריקן איר פֿאַרדראָס מיט אַ דין, זייער אַ דין קולכעלע, וואָס האָט געציטערט און געשיפּעט ווי אַ ספּרוזשינע פֿון אַ וואָלוועלן זייגער. אויך מיט אונזער קליינעם לאַנגאויער האָט געטראָפֿן דאָס אייגענע. ער איז געהאַנגען בײַם ברעג ברעט לעבן אַ ברייטן שפּאַלט; זיין שכנה האָט אים אַזוי שטאַרק געשטופּט, אַז ער איז אַ פּאָר מאָל שיר ניט אַראָפּגעפאַלן. פֿאַר שרעק האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און אָפּגעשטופּט די שכנה מיטן איילנבויגן, דערבײַ האָט ער אויך געשיפּעט, ווי אַ ספּרוזשינע פֿין אַ זייגער.

בײַם אויפֿוואַכן האָט ער אַ פּאָר מאָל מיט פֿאַרדראָס באַמערקט אַ גרויסן פֿאַצוק, וועלכער איז געקראָכן איבער אַ קלאָץ, עטלעכע פֿוס אונטער אים, און האָט אים ממש געפֿרעסן מיט זיינע קליינינקע שוואַרצינקע אויגעלעך. דער לאַנגאויער האָט די פֿאַצוקעס ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן. אָבער ווויסנדיק, אַז דער פֿאַצוק קען אים איצט קיין בייז ניט טאָן, האָט ער זיך אַיינגעוויקלט אין די פֿליגלען און איז ווידער רואיק אַיינגעשלאָפֿן.

אַזוי האָט דער לאַנגאויער פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. אַז די זון האָט גענומען פֿאַרגיין, האָט ער עטלעכע מאָל צוגעקלעטערט צום שפּאַלט זען, וואָס פֿאַר אַ וועטער ס׳איז. בעת די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די נידעריקע היגלען פֿון יענער זייט טייך, האָט ער זיך מיט אַ זייט אַרויסגערוקט דורכן שפּאַלט און אַ וואָרף געטאָן זיך אין דעם גאָלדיק וויאָלעטן שיין פֿון בין־השמשות. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן אויך די איבעריקע פֿלעדערמייז פֿאַרלאָזן זייער שלאָפֿצימער, און אין אַלטן שייער איז קיינער ניט געבליבן.

אונזער קליינער לאַנגאויער איז געווען עפּעס אַ מאָדנע באַשעפֿעניש— אַ משונהדיק געמיש פֿון אַ פֿויגל מיט אַ מויז. דאָס קליינע גופֿל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אומגעוויינלעך צאַרטע וואָל, איז געהאַנגען צווישן צוויי הויטיקע פֿליגלען, שוואַרצע ווי סאַזשע. די פֿליגלהייטלעך זיינען געווען עלאַסטישער פֿון די בעסטע גומע, זיי זיינען געווען אָנגעצויגן אויף די אומגעהייער אַנטוויקלטע פֿאָדערשטע ענדגלידער און ביינערדיקע פֿינגער, פּונקט ווי זייד איז אָנגעצויגן אויף אַ שירעם. דידאָזיקע פֿליגלען זיינען זיך צונויפֿגעקומען בײַם עק און זיך פֿאַראייניקט מיט די זייער שוואַך אַנטוויקלטע הינטערשטע ענדגלידער, דערבײַ זיינען זיי דערגאַנגען נאָר ביז די קני, וואָס זיינען געווען אויסגעבויגן אויף פֿאָרנט. צווישן די פֿלייצעס איז געווען אַ טשיקאַוו קליין קעפּל מיט אַ צוגעפּלעצט נעזל, אַ ברייטן מיאוסן מויל און פּיצינקע, קיילעכדיקע, ווי קליינע פֿאַצערקעלעך, שוואַרצע אייגעלעך.

אָט די מיאוסע משונהדיקע בריאה האָט זיך אַרויסבאַוויזן ווי אַ מאָדנע גרינגע באַשעפֿעניש, בעת זי האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין בין השמשות. אַ דאַנק דער פֿלינקייט און עלאַסטישקייט פֿון זיינע פֿליגלען, האָט דער לאַנגאויער איבערגעשטיגן יעדעס פֿייגעלע, פֿון איין גרויס מיט אים, ווייל קיינע פֿון זיי האָט ניט געקאָנט מאַכן אַזוינע צויבער־קרייזן אין דער לופֿט. אין איין אויגנ=

בליק פלעגט ער, ווי אַ שטיין, אַ פּאַל טאָן אַראָפּ צו און גלייך—פּלינק, ווי אַ פייל פון בויגן, זיך אויפהויבן צוריק אין דער הויך. ער פלעגט אויפן גרינגסטן און נאַטירלעכסטן אופן מאַכן געפערלעכע און פאַרפּלאָנטערטע זיגזאַגן און אַזוי געשיקט פאַרדרייען דעם קאָפּ און זיך אַרויסדרייען, אַז דער ערשטער בעסטער שפּאַרבער וואָלט זיך געמעגט שעמען פאַר אים. און דאָס איז געווען זיין גליק, ווייל ער דערנערט זיך מיט מיקן, באַבעלעך און אַנדערע אינסעקטן, וועלכע פירן כּסדר אין דער לופט קאַראַהאָדן און שוועבן זייער פלינק ווי אַ בליץ פון איין אָרט אויף אַ צווייטן.

דעם אָוונט, בעת דער לאַנגאויער איז אַרומגעפלויגן אונטער די שמע־קעדיקע ביימער ביים וואַסער, האָט זיך ניט געשפּירט קיין מינדסט ווינטעלע, און די לופט האָט געשווירבלט און געגריבלט פון אינסעקטן — מיקן, באַבעלעך, נאַכט־פלאַטערלעך און אומגעלומפּערטע מאַי־זשוקעס. דער לאַנגאויער איז גע־ווען הונגעריק און האָט מיט גרויס אַפּעטיט אַריינגעשלונגען אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן.

אָבער וואָס ווייטער, איז זיין אַפּעטיט געוואָרן קלענער, און ער האָט שוין גענומען איבערקלייבן די שפּייז. ער האָט פאַרבייגעלאָזן פאַרביי מויל אַ סך געשמאַקע ביסנס, וועלכע ער האָט זייער לייכט געקענט אַריינכאַפּן. ער האָט זיך אַמיזירט מיט דעם, וואָס ער איז אַרומגעפלויגן הין און הער און זיך געפלייסט אָנכאַפּן אַזוינע רויב, וואָס איז געווען כּמעט אוממעגלעך צו דער־גרייכן. אַזוי, למשל, האָבן זיינע שאַרפע אויגלעך באַמערקט הויך איבער די שפּיצן פון די ביימער דעם סילועט פון אַן אָוונט־פלאַטערל, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט אויפן פאָן פון דעם בלאַס־וויאָלעטן הימל. ער האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן אַרויפצו און האָט אַרויסגעכאַפּט די רויב פונם שנאָבל פון אַ נאַכטשוואַלב און איז פאַרשוואונדן געוואָרן איידער דער פויגל האָט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אַראָפּצו און האָט אַריינגעשלונגען אַ מאַי־זשוק, וואָס האָט שוין געהאַט צעשפּרייט די פליגלען אַוועקצופליען, דערביי האָט ער אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן אַ שפּיצמויז (ערדנגראָבער), וועלכע האָט זיך אין יענער מינוט צוגעגנבעט צום מאַי־זשוק און איז שוין געווען גרייט אים אַריינצושלינגען. מע דאַרף רעכענען, אַז דאָס שאַרפע אויג פון דעם קליינעם לאַנגאויער, פאַר וועלכן דער בין־השמשות איז געווען העל און דורכ־זיכטיק, ווי קרישטאָל, האָט נאָך פון ווייטן באַמערקט די שפּיצמויז און האָט פאָראויס געפילט די הנאה, וואָס ער וועט האָבן, אַרויסרייסנדיק ביי איר דעם ביסן פון מויל. אַפילו די וואַסער־שוואַלב, וואָס פליט ווי אַ פייל פון בויגן, איז געוואָרן מבולבל, בעת פאַרביי איר איז פאַרבייגעפלויגן עפּעס אַ שאָטן, און דאָס פלאַטערל, וואָס זי האָט שוין כּמעט געהאַלטן אין מויל, איז אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן.

בעת אויפן הימל איז דער וויאָלעטער שיין אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט דער קליינער לאַנגאויער פאַרלאָזן זיין לאָנקע און האָט זיך געלאָזט פליען

אַראָפּ שטראָם איבער פעלדער און גערטנער ביז ער איז געקומען צו פליען צו אַ פראַכטיקן סאָד מיט לאָנקעלעך, בלומענקלומבעס און אַ הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטער וועראַנדע און געדיכטע ביימער.

די וואַרימע זומערנאַכט האָט דאָ אַרויסגעפּרעסט פון די ראָזעס, ליליעס, נעגעלעך און לעווקאָיען די בעסטע ריחות, וועלכע האָבן צוגעצויגן מיליאָנען אינסעקטן.

אינם סאָד האָט דער קליינער לאַנגאויער באַגעגנט אַ צווייטע פלעדער־מויז — דאָס איז געווען זיין חברטע. אין אַ משך פון עטלעכע מינוט האָבן זיי געפירט זייערע לופטיקע טענץ, דאָ אַרומפליענדיק איבערן סאָד, דאָ זיך דריי־ענדיק איינס ליבן אַנדערן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך פונאַנדערלאָזן אין פאַרשיידענע זייטן, כדי זיך דערנאָך צו טרעפן אין אַ אָפּגערעדטן אָרט. די „זי" איז ניט געפלויגן אַזוי גרינג און האָט ניט געמאַכט אַזוינע משונהדיקע געדרייטע קרייזן אין דער לופט, ווי דער לאַנגאויער. גוט צוקוקנדיק זיך צו איר, האָט מען געקענט באַמערקן, אַז זי איז ניט נאָר אַ פריילעכער שפּיל־חבר, נאָר אויך אַ איבערגעגעבענע און טרייע מוטער, וואָס טראָגט אומעטום מיט מיט זיך אירע קינדער. דערביי האָבן זיך אירע עופעלעך אָנגעהאַלטן אָן דער מו־טערס האַלז אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינען ניט געווען אין געפאַר אַראָפּצופאַלן אַפילו ביי די סאַמע פלינקע אומווענדונגען און געפערלעכע זיגזאַגן פון דער מוטער.

נאָר אָט איז אין סאַמע ברען פון דעם שפּיל פון די פלעדערמייז אויף זיי אַרויפגעפלויגן עפּעס אַ באַשעפעניש מיט ברייטע צעשפּרייטע פליגלען, שטיל אַרויסשווימענדיק פונם שוואַרצן רוים אַרום זיי. זיי האָבן דערזען פאַר זיך צוויי גרויסע קיילעכדיקע אויגן, וואָס האָבן געגלאָצט מיט אַ געל פייער, און גרויסע אויסגעבויגענע קרעלן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו זיי. אָבער דער לאַנגאויער און די פּיצינקע מוטער האָבן זיך פלינק ווי אַ בליץ אַרויסגעדרייט פון איר אַזוי, אַז מע האָט געקענט מיינען, אַז די סאָווע האָט זיי אַליין אַ שליידער געטאָן ערגעץ הינטער די ביימער. זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדן געוואָרן אין די געדיכטע בלעטער, און די אַנטטוישטע סאָווע האָט זיך אַוועק־געלאָזן אין אַן אַנדער אָרט זוכן גרינגערע רויב. ס'זיינען קוים אַריבער אַ פּאָר מינוט, ווי די פלעדערמייז האָבן שוין ווידער געפלאַטערט אין דער לופט. אָבער די נאָענטקייט פון דעם שרעקלעכן שונא האָט זיי געצוואונגען צו זיין פאָרזיכטיקער, דעריבער האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער טייל פון סאָד, וואו עס האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַ יונגערמאַן מיט אַ מיידל, און זיי האָבן זיך גענומען אַרומדרייען און פלאַטערן איבער זייערע קעפּ. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די מענטשן זיינען ניט נאָר אומשעדלעך, נאָר אַפילו נוצלעך, ווייל די סאָוועס האַלטן זיך פון זיי פון ווייטן.

— אוי, ווידער וויל די עקלדיקע פלעדערמויז זיך איינטשעפּען אין מיינע האָר, — האָט דאָס מיידל גענומען שרייען און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַ שאַל אויפן בלאָנדן קאָפּ.

דער יונגערמאַן האָט זיך שטיל צעלאַכט.

— נאַרעלע, האָט ער געזאָגט, צו וואָס וועט די פלעדערמויז פליען אין דיינע האָר אַריין?

— אָבער זי קען זיך גאַנץ צופעליק אַריינפּלאָנטערן אין זיי, — האָט דאָס מיידל פאַרזיכערט און אָט מיט שרעק אין די ברייט צעעפנטע אויגן נאָכגעפאָלגט נאָך דער באַוועגונג פון די לייכטע שאָטנס. שוין־זשע ווייסטו ניט, אַז זיי זיינען בלינד? בעת איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, האָט מיר די באָבע דערציילט, אַז עס קומט אויס אָפּצושערן די האָר, אויב אַ פלעדערמויז פּלאָנטערט זיך אין זיי איין, ווייל מע קען זי בשום אופן פון דאָרטן ניט אַרויספּלאָנטערן.

— איך שטעל זיך פאָר, וואָס נאָך פאַר אַ נאַרישקייטן דיין באָבע האָט דיר אָנדערציילט, — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט. די פלעדערמייז זיינען שוין גאָרניט קיין בלינדע. זייער ראיה איז מאָדנע שאַרף, און זיי קענען זיך קיינמאָל אָן קיין זאַך ניט פאַרטשעפּען, ווייל זיי פליען זייער פאָרזיכטיק און זיינען פלינקער פאַר די פלינקסטע פייגלען. יעדע פיצל באַשאַפעניש, וואָס פלאַטערט איצט איבער אונזערע קעפּ, קען אָנכאַפּן אַ מוק, וואָס האָט זיך געזעצט ביי דיר אויפן שפּיץ נאָז, דערביי וועסטו ניט שפּירן גאָרניט, אַחוץ אַ לייכטע באַרירונג פון איר פליגל. זיי האָבן אַ וואונדערלעך שטאַרק אַנטוויקלטן חוש־המישוש, און דערדאָזיקער חוש וואָלט זיי ניט לאָזן אָנרירן דיינע האָר, ווען זיי וואָלטן אַפילו זיין בלינד.

— ס'קען זיין, האָט דאָס מיידל פריי אָפּגעעטעמט, און דאָך האָב איך זיי ניט האָלט, און וואָלט זייער וועלן זיי זאָלן פונדאַנען אַוועקפליען.

ווי דערפילנדיק דעם וואונטש פון דער מיידל, האָט דער לאַנגאויער מיט זיין חברטע פאַרקערעוועט אָן אַ זייט און זיינען פאַרשוואונדען צווישן די שפּיצן פון די ביימער. די מוטער איז געוואָרן פאַרמאַטערט, טראָגנדיק ביי זיך אויפן האַלז די קינדער, און זי האָט באַשלאָסן אויסזוכן אַ זיכערן צווייג, וואו זיי צו באַהאַלטן כאָטש אויף עטלעכע מינוט.

לסוף האָט זי אויפן שפּיץ פון אַ הויכער סאָסנע באַמערקט אויף אַ צווייג אַ גריבעלע, און האָט אַהין אַריינגעלייגט אירע קינדער. די עופעלעך האָבן זיך אַזוי שטאַרק צוגעדרייקט צו דער קאָרע, אַז ס'האָט אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעוואַקסן צו איר. דאָ זיינען זיי זיכער, האָט די מוטער געטראַכט, און איז אַוועקגעפלויגן נאָך אַ ביסל אַ קוויק טאָן זיך מיט מוקן, באַבעלעך און נאַכט־פלאַטערלעך אויף די בלומענקלומבעס. דער לאַנגאויער האָט זי באַגלייט.

ס'זיינען קוים אַריבער צען מינוט, ווי די מוטער האָט גענומען ווערן אומרואיק. זי האָט געמאַכט אַן אויסגעשלענגלטן האַלבן קרייז און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שפּיץ פון דער סאָסנע. דער לאַנגאויער האָט זיך אין אַ ווײלע אַרום געלאָזט פליען נאָך איר.

אויף דערזעלביקער אַלטער סאָסנע, וואו די פלעדערמויז האָט באַהאַלטן אירע קינדערלעך, האָט אַ וויזלטיר געפירט איר געיעג. עס האָט נאָר־וואָס פאַרלאָרן די שפור פון אַ וועווערקע און פאַרלאָרן אין דער מינוט, ווען עס איז געווען זיכער, אַז עס האָט זי שוין. פלוצלונג, עפּעס דורך אַ נס — די נאַכט איז פאַר די ווילדע באַוואוינער פון וואַלד שטענדיק פול מיט ניסים — איז די רויב־ערגעץ פאַרשוואונדן אויף שטענדיק, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום שפור הינטער זיך. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביי אים אונטערן נאָז, און דער צעקאָכטער יעגער איז אַרומגעקראָכן איבער די צווייגן, זוכנדיק די פאַרלאָרענע שפור. דרייענדיק זיך, ווי אַ שלאַנג, האָט ער זיך פלינק געגעליטשט איבער דעם צווייג, וואָס אויף אים זיינען געווען באַהאַלטן די קליינינקע פלעדערמייזעלעך.



דער לאַנגאויער האָט גלייך פאַרשטאַנען, האָט פאַר אַ שרעקלעך באַשעפעניש האָט זיך דערנענטערט צו זיינע הילפלאָזע עופעלאך.

דער קליינער לאַנגאויער האָט נאָך קיינמאָל, אין משך פון זיין גאַנצן קורצן לעבן, ניט געהאַט קיין עסק מיט קיינעם אַחוץ אַ נאַכט־פלאַטערל, אַ מוק און אַ מאַי־זשוק. אָבער ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, ס'אַר אַ שרעקלעכער שונא געפינט זיך אַזוי נאָענט לעבן זיינע שוץ־לאָזע עופעלעך, און ער האָט ניט געקווענקלט קיין מינוט. דאָס וויזל־טיר האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז עמיצנס אַ פליגל האָט אים אַ קראַץ געטאָן איבערן פנים. עס האָט באַמערקט און אונטערגעשפרונגען אַרויפצו, וועלנדיק אַ כאַפּ טאָן דעם עזות־פנים, אָבער זיינע לאַנגע ווייסע ציין האָבן נאָר אַ קנאַק געטאָן אין דער לופט און אַליין האָט עס פאַרלאָרן דאָס גלייכגע־וויכט און איז שיר ניט אַראָפּ־געפאַלן פון צווייג.

אַז עס איז אַ ביסל געקומען צו זיך און איז געזעסן אָך שווער געעטעמט, האָט עס פלוצים באַ־מערקט לעבן זיך אַ טונקעלן שוועבנדיקן שאָטן, וואָס האָט אויסגעוויזן צו קריכן איבערן צווייג, ווי אַ פאַרוואונדעט פייגעלע. עס האָט זיך אַיינגעבויגן אין צווייען ווי אַ אָלפּיש און האָט זיך פלינק ווי אַ בליץ אַ וואָרף געטאָן אויפן מוסיקן שאָטן. נאָר אין דערזעלביקער רגע, ווי עס האָט אַ שפרונג געטאָן, איז דער שאָטן פאַרשוואונדן, און גלייך נאָכדעם האָט דאָס וויזלטיר דערזען דעם

האַלטנדיק זיך מער אין שאָטן, דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרקערעוועט צום טייך, איז אַריבערגעפֿלויגן די לאָנקע און איז בשלום אָנגעקומען צום אַלטן שייער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געהאַנגען לעבן די איבעריקע פֿלעדערמייז אונטערן שויך פֿונעם דאַך.

אָבער אים איז באַשערט געווען צו האָבן אַן אומרואיקן טאָג. אויך דאָ האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן זיך רואיק אויסצושלאָפֿן. ער האָט דערזען אויף אַ שמאָלן באַלקן, וואָס איז געלעגן מיט עטלעכע פֿוס נידעריקער, זײַן חברטע, די קליינע מוטער פֿון די צוויי פּיצלעך קינדער. זי האָט אַוועקגעלייגט די קינדער אויפֿן גלאַטן באַלקן, און אַליין האָט זי זיך פֿאַרנומען מיטן טואַלעט, וועלכן די פֿלעדערמויז מאַכט פּונקט אַזוי פֿלייסיק, ווי די קאַץ. זי האָט זיך מאָדנע פֿלינק געקראַצט הינטער די אויערן מיט די נעגעלעך, וואָס אויף די איילנבויגנס פֿון אירע פֿליגלען, און האָט פֿונאַנדערגעקאַמט די וואָל אויף אַזוינע ערטער, וואָס זי האָט זיך בעדאַכט, אַז זי וועט צו זיי ניט קענען צוקומען. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צו די פֿליגלהײַטלעך, פֿריער צו איינער דערנאָך צו דער צווייטער. זי האָט יעדע פֿון זיי אויפֿמערקזאַם באַטראַכט, דורכגעפֿירט צווישן די ציינער און געלעקט אַזוי לאַנג, ביז ס'איז בײַ איר קיין שום ספֿק ניט געבליבן, אַז זיי זײַנען גוט ריין.

אין דער מינוט האָט זיך אַ שוועלבעלע, וואָס האָט געוואוינט סאַמע אונטערן דאַך, ווי אַ בליץ אַ הויב געטאָן צום שפּיץ, נאָכיאָגנדיק אַ בין, וואָס איז אַהין אַוועקגעפֿלויגן. די בין האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות זיך אַרויסצודרייען פֿון איר שונא, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַראָפּצו פֿאַרבײַ דעם באַלקן פּונקט איבער די עופֿעלעך פֿון דער פֿלעדערמויז. דאָס שוועלבעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר, האָט פֿאַרטשעפּעט די פֿלעדערמײַזלעך מיטן פֿליגל אַזוי, אַז זיי האָבן גענומען פֿאַלן פֿון באַלקן. זיי האָבן נאָך ניט געקענט פֿליען. דאָך האָבן זיי אינסטינקטיוו פֿונאַנדערגעלאָזן די פֿליגעלעך און, פֿאָכנדיק מיט זיי, זײַנען זיי אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד איינס לעבן אַנדערן, ווי צוויי פֿאַרטריקנטע בלעטער פֿון אַ דעמב.

צו זייער גליק איז די פּאָדלאָגע פֿונעם שייער געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט קערנער און מיט רעשטן פֿון פֿאַראַיאָריקן היי. דאָס איז געווען אַ גאַנץ ווייכער אונטערבעט, און זיי האָבן זיך ניט צעקלאַפּט. די מוטער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אײַנגעוויקלט אין די פֿליגלען, האָט זיי אין דעםזעלבן אויגנבליק פֿונאַנדערגעשפּרייט און האָט זיך, ווי אַ משוגענע, אַ וואָרף געטאָן אַראָפּצו גלײַך נאָך די קינדער. דער גרויסער פֿאַצוק, וואָס האָט געוואוינט אונטער דער פּאָדלאָגע, האָט אָקאָרשט אַרויסגעקוקט פֿון זײַן נאָרע. ער האָט דערהערט עפּעס אַ טומל און איז אויף גיך אַרויסגעקראָכן. ער האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו די פֿלעדערמײַזלעך, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ יונג שוועלבעלע, נאָר פּלוצים האָט ער דערפֿילט עפּעס אַ לײַכטן קלאַפּ אין קאָפּ. דאָס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אַ פֿלעדערמויז, וואָס האָט זיך שיר ניט געזעצט צו אים אויפֿן רוקן. ער איז גאָרניט געוואָרן אין כּעס, פֿאַרקערט, עס האָט אים

אַזוי איז אַוועק די גאַנצע נאַכט. בעת אין פענסטער האָבן זיך באַוויזן די גרויסע סימנים פון טאָגליכט און אויף די קלומבעס האָבן גענומען גלאַנצן די פאַרבן פונם הערבאַניום, האָט דער לאַנגאויער איבערגעריסן זיינע אומזיסטע זוכענישן, אָבער ער איז ניט אַריינגעפאַלן אין יאוש. דער טאָג איז פאַר אים געווען די צייט פון שלאָף, דעריבער האָט ער זיך זייער באַקוועם אויפגעהאַנגען צווישן די פאַלבן פון די שווערע פאָרטיערן און איז איינגעשלאָפן אַזוי רואיק, גלייך ער וואָלט געהאַנגען אויפן ברעט אונטערן דאַך פון דעם אַלטן שייער.

אינדערפרי האָבן צוויי שטובמיידלעך גענומען צוקלייבן דעם צימער. קודם־כל האָבן זיי אויסגעטרייסלט די פאָרטיערן, און פון דאָרטן איז, צו זייער גרויסן שרעק, אַרויסגעפאַלן דער לאַנגאויער.

דערזעענדיק די שרעקלעכע חיה, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביז פיר צאָל די לענג, האָבן זיי אויפגעהויבן אַזאַ געשריי און אַזאַ געקוויטשעריי, אַז פון סאָד איז געקומען צו לויפן דערזעלביקער יונגערמאַן, וועלכער האָט אינאָוונט געשפּאַצירט מיטן יונגן מיידל. דער לאַנגאויער, וועלכער איז נאָך געווען ניט אינגאַנצן וואַך, און איז געווען אין כעס, וואָס מע האָט אים אַזוי גראָב אויפגעוועקט, איז געזעסן אויפן טעפּיך מיט האַלב צעשפּרייטע פליגלען. זיינע אויגן האָבן געבליצט פאַר כעס. ער האָט זיך געפלייסט וואָס שטאַרקער אויסצודריקן זיין כעס קעגן די דינסטן און האָט אָנגעדרייט זיין זייגער־ספּרוזשינע.

— וואָס איז מיט אייך, דושען, האָט דער יונגערמאַן אויסגערופן, איך האָב פון אייערע קולות באמת געמיינט, אַז איר און גרעס האָט זיך אָנגעשטויסן ווייניקסטנס אויף אַ היפּאָפּאָטאַם. שוין זשע האָט איר מורא, אַז אָט דאָס קליינטשינקע פלעדערמייזל וועט אייך אויפעסן?

ער האָט זיך איינגעבויגן און געוואָלט אויפהויבן דעם לאַנגאויער. אָבער די קליינע באַשעפעניש האָט זיך אַזוי צעסקריפּעט און האָט אים דערלאַנגט אַזאַ כאַפּ פאַרן האַנט, אַז ער איז געווען צופרידן, וואָס ער טראָגט גראָבע הענטשקעס. די מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זעט, סער! האָט דושען געזאָגט, זי וואָלט אונז געוויס־אויפגעפרעסן, ווען זי וואָלט נאָר געקענט, אַזאַ בייזע איז זי.

— מע קען אַנדערש ניט זאָגן, דאָס איז אַ דרייסט קליין טייוועלע, האָט דער הער געענטפערט, פאָרזיכטיק אויפהויבנדיק דעם לאַנגאויער און גייענדיק מיט אים צום פענסטער.

דערווייל האָט זיך דער לאַנגאויער אינגאַנצן אויפגעכאַפּט און האָט נאָך שטאַרקער אָנגעדרייט די זייגער־ספּרוזשינע אַלס סימן פון דעם, וואָס ער איז שטאַרק אין כעס, וואָס מע האָט זיך דערוועגט נעמען אים אין האַנט. דער הער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעלאָזט דעם לאַנגאויער. דאָס טאָגליכט האָט דעם לאַנגאויער ממש פאַרבלענדט, אַז ער האָט געשווינט פאַרמאַכט די אויגן, איבערלאָזנדיק נאָר אַ קליין דין שפּעלטעלע, דורך וועלכן ער האָט גאַנץ קלאָר געזען די גאַנצע אַרומיקע געגנט. אין איין רגע האָט ער זיך אויפגעהויבן אַרויפצו און האָט זיך געלאָזן פליען צווישן די נאָענטסטע ביימער

שטארק פאראינטערעסירט. ער האט נאך ביז איצט קיינמאל ניט פאר-
[illegible] [illegible] פלעדערמויז. און די פלעדערמויז האט אים אויסגעזען צו זיין
קראנק אדער פארוואונדעט. דער פאצוק האט געטאן א שפרונג נאך איר. דער
שפרונג האט אים ניט געראטן און די פלעדערמויז האט זיך ווייטער געפלאגט
[illegible] [illegible] [illegible]. אז דער פאצוק וואלט איר און קיין שום אנשטרענג
[illegible] [illegible] [illegible]. ער האט זיך [illegible] מאר א וואָרף געטאן אויף די
פלעדערמויז [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צין און באפאלן ניט מער
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] בוי דער נארט [illegible] ער
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צו זיין [illegible] [illegible] און [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ער האט [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] נאר אים
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] געהאנגען בוי
איר אויף דער [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] א [illegible] און
[illegible] [illegible] געהאנגען [illegible] [illegible] [illegible] די [illegible] און [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] האבן [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. און ער
האט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צו זיין [illegible] [illegible] [illegible] פאר א [illegible]
[illegible] נאר [illegible] [illegible] [illegible].